**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אומזיסטע מעמאריעל דעי סוף וואך שאָטל באס פאר גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק עפנט זיך צוריק אום מאי 25**

***Hudson Link באסעס טראנספארטירן טויזנטע פיסגייער און ביציקליסטן צו פאפולערע וועגן פאר פיסגייער און ביציקליסטן יעדעס יאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז Hudson Link'ס אומזיסטע שאָטל באס אין סוף וואכן וואס פארט צו די גאווערנער מאריאו מ. קאומאו בריק וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן וועט צוריק אנהויבן פארן דעם שבת, מאי 25, און פארזעצן יעדע סוף וואך ביז זונטאג, אקטאבער 27. פיסגייער און ביציקליסטן וועלן ווידעראמאל קענען נוצן די גרינגע און באקוועמע סערוויס צו צוקומען צו איינס פון די לענגסטע און מערסט פאנאראמישע וועגן פאר פיסגייער און ביציקליסטן אין דאס לאנד. די שאָטל סערוויס וועט פארן פון אויסדערוועהלטע לאקאציעס אין וועסטשעסטער און ראקלענד קאונטיס און טראנספארטירן פאסאנזשירן צו די ארייננגאנג פלעצער לענגאויס די וועג אויףביידע זייטן פון די האדסאן ריווער.

"מאי איז דער 'נאציאנאלע ביציקל זיכערהייט חודש' און די בעסטע צייט צו פארן אויף די Hudson Link באסעס צו אנקומען צו די גאווערנער מאריאו מ. קאומאו בריק'ס וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן, וואס איז איינס פונ'ם יארק סטעיט'ס פראכטפולע אטראקציעס און א גאר גוטע וועג פאר איינוואוינער און טוריסטן צו אנדעקן די שיינקייט פון די האדסאן וואלי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען שטאלץ צו צושטעלן די אומזיסטע שאָטל סערוויס, העלפן איינוואוינער און באזיכער צו געניסן פון די אייגנארטיגע בריק אריבער די האדסאן ריווער און האבן די פארוויילונג איבערלעבעניש פון דאס לעבן."

די שאָטל באסעס וועלן פארן יעדע 20 מינוט צווישן 9:30 AM און 9:30 PM יעדע סוף וואך און ערלויבן גרינגע צוטריט צו די ארייננגאנג אויף ביידע זייטן פון די הנאה'דיגע וועג. נאך דאטומען וואס זענען צוגעלייגט געווארן פאר 2024 רעכענען אריין מעמאריעל דעי, אינדעפענדענס דעי און לעיבאר דעי. די שאָטל שטעלט זיך אפ ביי פיר סטאנציעס און פארט סיי אין מזרח ריכטונג און אין מערב ריכטונג צו שטיצן דאס באנוץ מיט די וועג פאר פיסגייער און ביציקליסטן.

די פיר סטאנציעס רעכענען אריין:

- די וועג'ס ראקלענד קאונטי ארייננגאנג אין סאַוט נייעק
- Palisades Center - Lot J
- די וועג'ס וועסטשעסטער קאונטי ארייננגאנג אין טעריטאַון
- טעריטאַון באן סטאנציע

אויב די הויפּט פּאַרקינג לאָטס ביי די אַריינגאַנג פון ביידע זייטן זענען פול, קענען באַזיכער טרעפן נאָך פּאַרקינג, אין וועסטשעסטער ביי די טערריטאַון באַן סטאַנציע און אין ראַקלענד ביי די Palisades Center Lot J -. באַזיכער קענען אויך נעמען די Metro-North Hudson Line צו טעריטאַון. די ווערג'ס פּאַרקינג לאָטס האָבן אַ פּיר-שעה'יגע צייט באַגרעניצונג און פילן זיך שנעל אָן סוף וואָך. באַזיכער ווערן שטאַרק ערמוטיגט צו זעהן די בריק'ס Twitter אַקאַונט (@GMMCB) פאַר אַפּדעיטס איבער פּאַרקינג לאָט סטאַטוס און וועטער אומשטענדן. מער אינפאָרמאַציע איבער די וועג איז אויך פאַרעפנטליכט אויף די בריק'ס וועבזייטל, [mariomcuomobridge.ny.gov](mariomcuomobridge.ny.gov).

די ראַקלענד אַריינגאַנג געפונט זיך אויף [1200 Route 9W](1200 Route 9W) אין סאַוט נייעק, ביי אינטערטשעינדזש 10 פון די ניו יאָרק סטעיט טרו-וועי. די וועג איז צוגענגליך פאַר לאָקאַלע איינוואוינער און ביציקליסטן דורך אַ טייל אין די באַרג וואָס פאַרבינדט זיך אויך צו די Esposito טרעיל, לאָקאַלע סיידוואַלקס און סטעיט ביציקל Route 9. די וועסטשעסטער אַריינגאַנג געפונט זיך אויף South Broadway333 אין טעריטאַון. אַ זייטיגע וועג ציהט זיך צו דרום לענגאויס סטעיט רוט 9 (South Broadway), גיבנדיג דירעקטע צוטריט אַראָפּ פון די גאַס צו די היסטאָרישע Lyndhurst און צו די Old Croton Aqueduct טרעיל, און אַזוי אויך אַ פאַרבינדונג צו די עמפּייער סטעיט טרעיל.

אַלע Hudson Link באַסעס האָבן אייגנשאַפטן און עקוויפּמענט וואָס ערלויבן אַלע פּאַסאַנזשירן צו אַרויפגיין, פאָרן און אַראָפּגיין פון די באַסעס גרינגערהייט און באַקוועמערהייט. יעדע Hudson Link באַס האָט אַ פּלאַץ אַרויפצולייגן ביציקלעך און קען אַקאָמדירן דריי ביציקלעך פאַר ערוואַקסענע און קומט נאָך ADA צוגענגליכקייט אנווייזונגען. נאָך אַ טאָג אַנגעפּילט מיט הנאה אויפן וועג נעמט די שאַטל באַס צוריק באַזיכער צו זייערע קאַרס אָדער צו די באַן סטאַנציע.

זייענדיג 3.6 מייל לאַנג, האָט די גאווערנער מאַריאָ מ. קאָומאָו בריק איינס פון די לענגסטע וועגן פאַר פיסגייער און ביציקליסטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן. זיך געפונענדיג אויף די צפון זייט פון די בריק'ס וועג אויפן מערב ריכטונג, טרעפן זיך ביציקליסטן און פיסגייער מיט זעקס פּאַנאָראַמישע אויסבליקן – יעדע איינס דעזיינט בשותפות מיט די קאַמיוניטי – ערקלערנדע שילדן און עפנטליכע קונסטווערק אַזוי ווי זיי גייען אַריבער העכער די האָדסאָן ריווער. עסן, בית הכסא און אַנדערע איינריכטונגען זענען דאָ ביי די אַריינגאַנג אין וועסטשעסטער און אין ראַקלענד קאַונטיס.

**סטעיט טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט (Department of Transportation, DOT) קאָמישאַנער, מערי טעריזע דאָמינגעז, האָט געזאָגט,** "די וועג פאַר פיסגייער און ביציקליסטן לענגאויס די גאווערנער מאַריאָ מ. קאָומאָו בריק אָפּפערט איינס פון די מערסט אייגנאַרטיגע פאַרווייַלונג ערפאַרונגען אין דאָס לאַנד, מיט אַ ברייטע בליק אַרויס אויף די האָדסאָן ריווער פון איין עק פון די בריק ביז די אַנדערע. די סטעיט טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט איז שטאָלץ צו שטיצן די אומזיסטע שאַטל סערוויס וואָס מאַכט דאָס גרינגער פאַר ביציקליסטן צו צוקומען צו די אויסערגעווענטליכע אוצר."

**טרו-וועי אויטאָריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאָר, פראַנק ג. האָור, האָט געזאָגט,** "די אומזיסטע סוף-וואָך שאַטל איז אַן אומשאַצבאַרע פאַרמעגן פאַר האָדסאָן וואַלי איינוואוינער, ערלויבנדיג מער מענטשן צו צוקומען צו די וועג אָן דאַרפן דרייוון אהין. מיר באַדאַנקען די סטעיט טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט פאַר די שותפות, וואָס איז נאָך אַ ביישפּיל פון טראַכטן אויף פאָראויס וואָס ניו יאָרקער האָבן זיך אויסגעלערנט צו ערוואַרטן פון די סטעיט. גוטע רעגירונג מיינט מאַכן דאָס לעבן גרינגער סיי פאַר די מענטשן און סיי פאַר די קאַמיוניטיס וועם מיר באַדינען."

**סטעיט סענאַטאָר וויליאַם וועבער האָט געזאָגט,** "איך מוטיג יעדן איינעם צו אויסנוצן די אומזיסטע שאַטל באַסעס צו די וועג פאַר פיסגייער און ביציקליסטן. גייט אַרויס אינדרויסן און געניסט פון די נאַטורליכע שיינקייט וואָס נעמט אונז אַרום."

**אסעמבלי מיטגלידערין מערידזשעין שימסקי האט געזאגט,** "די סוף-וואך שאָטל באס וואס פארט צו די גאווערנער מאריאו מ. קאומאו בריק דורכאויס די הויכפונקט פון די סעזאן פון גיין צופיס איז א פאנטאסטישע געדאנק, און איך בין פרייליך אז עס קומט צוריק דאס יאר. די שאָטל באס ערמעגליכט די וועלכע קענען זיך נישט אונטערנעמען צו דורכמאכן די גאנצע 7.2-מייל-לאנגע וועג צופיס אהין און צוריק אויף די בריק צו נעמען א 3.6 מייל-לאנגע שפאציר אין איין ריכטונג, דערמיט ערלויבנדיג מער מענטשן צו געניסן פון די האדסאן וואלי'ס אטעם-פארכאפנדע פאנאראמעס און צו אנטדעקן שכנות'דיגע קאונטיס אריבער די טייך, בשעת'ן נאכאלץ כאפן אן עכטע גוטע שפאציר. א דאנק פאר די Hudson Link, ניו יארק DOT און גאווערנער האקול פארן פארזעצן א סערוויס וואס וועט צושטעלן איינס פון די זומער'ס און הערבסט'ס בעסטע הויכפונקטן פאר צאללאזע טויזנטע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגליד קענעט זעבראָוסקי האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר קומען אן צו די אנהויב פון זומער, בין איך באגייסטערט צו זעהן די צוריקקער פון אומזיסטע שאָטל סערוויס אריבער די בריק אויף סוף וואכן. דער ערפאלגרייכער פראגראם ברענגט צוזאם אונזערע קאמיוניטיס און גיבט פאר ניו יארקער אויף ביידע זייטן פון די בריק בעסערע צוטריט צו פארוויילונג אקטיוויטעטן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און קאמישאנער דאמינגעז'ס איבערגעגעבנקייט צו דעם פראגראם, און איך קוק ארויס צו זעהן די שאָטל אנהויבנדיג פארן נאכאמאל."

**Hudson Link אסיסטענט דזשענעראל מענעדזשער, מארדזשארי טשין, האט געזאגט,** "אין 2024 האט זיך Hudson Link שטאלצערהייט אריינגעלאזט אין איר 5'טע יאר פון צושטעלן אומזיסטע שאָטל סערוויס פאר די גאווערנער מאריאו מ. קאומאו בריק וועג. די סערוויס האט געשפילט א וויכטיגע ראלע ביים ערמעגליכן די הנאה פון גיין צופיס און פארן אויף ביציקלעך לענגאויס די וועג, און אזוי אויך פון אנטדעקן די באחנ'טע אונטערשטע האדסאן וואלי ווילעדזשעס אָוו טעריטאון און נייעק. אין לויף פון די יארן האבן טויזנטע איינוואוינער און באזיכער גענאסן פון די באקוועמע טראנספארטאציע אפציע. מיר רישן זיך אז 2024 וועט אפפערן א שפע פון געלעגנהייטן פאר מענטשן צו פארברענגען צייט מיט זייערע באליבטע און פריינט בשעת'ן זיך איינהילן אין די נאטורליכע שיינקייט אינדרויסן. די Hudson Link שאָטל סערוויס ציהלט צו בארייכערן די ערפארונג דורכן צושטעלן באקוועמליכקייט און איינגענעמקייט, ערלויבנדיג יעדן איינעם צו ארויסנעמען דאס מערסטע פון זייער צייט פארברענגט אין די אונטערשטע האדסאן וואלי. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו דינען אונזערע קאמיוניטי און באזיכער, און מיר זענען פארפליכטעט צו פארזיכערן א גלאטע און הנאה'דיגע טראנספארטאציע ערפארונג פאר יעדן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן